Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT | פרייז 20 גראשען | היינט 8 זייטען.

# נייער פאלקסבלאט

אונפארטייאישע פאליטיש-געזעלשאפטליכע טאג-צייטונג

Nr. 269/1564 | Łódź, Poniedziałek 19 listopada 1928 r. | זעקסטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, ז' כסלו תרפ"ט | Nr. 269/1564

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פיעטריקאווער 21, טעל. 24-71

# די ערמארדונג פון שטורם'ען

## האט געזאלט פארקומען נאכ'ן דער'הרגענען דיטישער'ס — אזוי ערקלעהרט דער „בלוטיגער סטאשיעק".

### לאניוכא איז בקו-הבריאות.

(2) ווי מיר האבען שוין געמאלדען, איז לאניוכא, נאך דער גרינדליכער אויספארשונג אריינגעזעצט געווארען אין דער אלגעמיינער תפיסה-קאמער אויף קאפערניק-גאס.

די ארעסטאנטען, וואס בעשטעהען דארט פון דעם נידעריגסטען און געמיינסטען מין קרימינעל-פערברעכער, מיט וועלכע עס זיצט איצט לאניוכא האלטען זיך אין דער זייט פון איהם.

לאניוכא האט זיך שוין אבער צוגעוואוינט צו זיין לאגע און ער פערלירט נישט די האפנונג צו ווערען „פאנבראט" מיט די תפיסה-קאלעגען, וואס פעראכטען איהם דערוויל.

כדי צו געווינען חן אין זייערע אויגען, האט ער באריכות זיי דערצעהלט וועגען זיין גרויסען העלדענטאט, און געטון האט ער עס ממש, ארטיסטיש, דערוויילענדיג, אז אנדערש האט עס נארנישט געקאנט פאסירען.

דער ציניזם און זעלבסטצופרידענהייט פערלאזט איהם אויך נישט אין דער תפיסה.

עס פערלאזט איהם אויך נישט די „גוטע לוינע", און ביסלעכווייז הויבט ער אן צו פערברענגען אינטים מיט די ארעסטאנטען, אנטיילנעהמענדיג אין די שפילערייען און חוזק-מאכערייען. דערביי קייכט לאניוכא ממש פאר געלעכטער, פונקט ווי נישט איהם וואלט מען געמיינט מיט דער דראהענדער טויט-שטראף.

### דער אויספארשונגס-ריכטער פערהערט ווייטער.

(2) נעכטען איז געקומען אין דער טורמע אויף קאפערניק-גאס דער אויספארשונגס-ריכטער ה' גושיש, כדי צו מאכען א צוגאב-אויספארשונג פון דעם מערדער סטאניסלאוו לאניוכא.

בעת'ן אפגעבען די ערקלערונגען, האט לאניוכא ווידער נישט ארויסגעוויזען די מינדסטע חרטה.

אויף דער פראגע פון אויספארשונגס-ריכטער צי ער בערויערט נישט זיין מערדערישען טאט, האט דער „בלוטיגער סטאשעק" דערקלערט, אז ער וואלט געדארפט זיין א שוטה, ער זאל האבען חרטה. ער ווייסט אויסגעצייכנט — האט ער געזאגט — אז קיין שום סימן-חרטה וועט נישט מילדערען זיין פסק דין.

אינמיטען פערהער איז לאניוכא פלוצים ענטשוויגען געווארען, און נאך א קורצען ישוב הדעה האט ער געפרעגט דעם אויספארשונגס-ריכטער, צי עס דראהט איהם טויט-שטראף.

מחמת דעם, וואס דער אויספארשונגס-ריכטער האט איהם נישט געוואלט אריינווארפען אין א מרה שחורה, וואס עס וואלט זיך געווים שלעכט אפגערופען אויף זיינע ערקלערונגען, האט ער איהם דעריבער געגעבען צו פערשטעהען, אז וויילאנג די אויספארשונג איז נישט געענדיגט, קאן דער ענין מיט זיכערקייט נישט פעסטגעשטעלט ווערען.

דער אויספארשונגס-ריכטער האט אויך געפרעגט לאניוכען, צי ער האט טאקע געהאט בדעה צו דערמארדען דעם אייגענטימער פון דעם פארטעפיאנען-לאגער, ה' שטורם.

דערויף האט דער מערדער אפגעגעבען פאלגענדע דערקלערונג:

— איך האב געארבייט ביי שטורמען עטליכע חדשים און פערדינט 50 זלאטעס א וואך. מיט 4 וואכען צוריק בין איך אפגעזאגט געווארען פון דער ארבייט מכלומרשט צוליב'ן מאנגעל אין ארבייט, און אין 2 וואכען נאך דעם בין איך געבליבען אהן ברויט. איך האב זיך שפעטער איבערצייגט, אז דער תירוץ וועגען מאנגעל אין ארבייט איז בלויז געווען אנ'אויסרייד, ווייל תיכף, ווי איך האב נאר פערלאזט מיין פאסטען, האט דער ה' שטורם צוגענומען אנ'אנדערען ארבייטער. דעמאלט איז ביי מיר געבוירען געווארען דער געדאנק וועגען נקמה איבער שטורמען, ובפרט טאקי צוליב דעם, ווייל דער מאנגעל איז געלד האט מיר אויך געשטערט צו היילען זיך. דעם פלאן וועגען ערמארדען שטורמען האב איך אפגעלעגט אויף שפעטער, ד. ה. אז איך וועל זיך מיט איהם אפפערטיגען, ווען איך וועל האבען ערלעדיגט די טישערס. ביי די טישערס האב איך גערעכענט צו געפינען א גרעסערע סומע געלד, וואס וואלט מיר מעגליך געמאכט שפעטער צו ענטלויפען פון פוילען, ווען די פאליציי וואלט מיך פערפאלגט.

מיט דעם האט זיך די אויספארשונג פערענדיגט, און היינט ווערען גענומען אויפ'ן פערהער די 30 עדות.

דער דאזיגער פערהער וועט געדויערען א גאנצע וואך.

Dr. med.

**B. Robinzon**

אינערליכע און קינדער-קראנקהייטען.

פעטריקאווער 10, טעל. 31-86

נעהמט אן פון 8—$9^1/_2$ פריה און פון $3^1/_2$—$4^1/_2$ נאכם.

דער שווארצער וואלף

אזוי הייסט אונזער

נייער סענסאציאנעלער ראמאן

וואס הויבט זיך אן צו דרוקען מארגען, דינסטאג אין

„נייעם פאלקסבלאט"

אין דעם דאזיגען נייעם ראמאן

וועט אויף א מערקווירדיג-

שפאנענדען אופן געשיל-

דערט ווערען דאס

לעבען פון

א פער-

וואהרלאזטער

נשמה, וואס בלאנ-

דזשעט הפקר'דיג אין

דער גרויסער וועלט מיט'ן

וועג פון זינד און גליק.

האנדווערקער-פאריין, אגראדאווא 9

מיר מעלדען דער עפענטליכקייט, אז צוליב דעם, וואס די פירמע ברידער רובין (ווסכאדניא 4) וויל רייסען דעם לוין ביים לעמבערגער פאך, ווערט ערקלערט פון היינט אן א שטרייק.

מיר ווארענען דעריבער אלע שניידער פון לאדז און אומגעגענד נישט ארויסצונעהמען פון דער דערמאהנטער פירמע קיין ארבייט. 2594

די פאך-קאמיסיע פון לעמבערגער שניידער.

מקרב ולב עמוק הננו משתתפים בצערו הרב של חברנו וחבר הנשיאות של הועד הציוני העירוני מר צבי ליטווין ומשפחתו בהלקח ממנם בלא עתה

בתם נ. ע.

בעבודתנו המשותפת למען בנין ארצנו ותחית עמנו תמצא את נחומיך, חבר!

ועד ההסתדרות הציונית | ועדת „קרן הקימת לישראל"

הועד של „קרן היסוד" | המשרד הארץ-ישראלי

2596

דער רעסטאראטארען- און ביער-האלע-בעזיצער-פעראיין

מאכט בעקאנט, אז מארגען, דינסטאג, דעם 20. נאוועמבער ד. י., פינקטליך 5.30 אין אוונד קומט פאר צום צווייטען מאל

די אלגעמיינע

גענעראל-פערזאמלונג

זאוואדזקא 4, פראנט, 2-טער שטאק, צו וועלכער מען בעט אלע מיטגלידער צאהלרייך צו ערשיינען. 2188

די פערוואלטונג.

הרינו מביעים בזה מעמק לבנו את השתתפותנו החמה לחבר הועד הציוני והמנהל הראשי שלנו

מר צבי ליטווין ולמשפחתו המתאבלת

לרגלי האסון הגדול שקרה אותם בהלקח מהם

בתם נ. ע.

בדמי ימיה.

המזכירות ופקידי הלשכה הציונית בלודז

